בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס

צ"ב

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

"שִׂכְלִי הַיָּקָר!"
"ויטע אש"ל" - א'שפוך ל'פניו ש'יחי
וואס ווילסטו פון אים האבן?
מיר שיעור געוואלט מאכן פאר א גוי...
זיין דא און דארט!
רבוש"ע, בינד מיר צו!
געהאט אלע טאג התבודדות!
אן אמת'ער ניצוץ פון שמחה
"אייביג"
איר שטאפט אים צופיל...
"נאמן רוח מכסה דבר"
שיהא קולע אל השערה
דרך האמצע
אזוי נישט קשה ווי אויף דעם רבי'ן...
דו גלייכסט זיך צו מיר?!
"פתח פיך"
דערפילט א טעם גן עדן
א גאנצע וואך אין וואלד
דו קערסט קיין ארץ ישראל!
אנ"ש מבארדיטשוב
ר' ברוך מבארדיטשוב

ניתן להאזין לכל השיחות שי"ל על ידינו:
בקו 'מערכת ברסלב'
ארה"ק: 02.560.7387
ארה"ב: 646.585.2985
ענגלאנד: 0330.390.0487
בעלגיע: 03.808.1775
לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש:
#2.1.2.1.1 ואח"כ 92#

מכון טעם זקנים שיחותיו של רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות
בחפץ לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה"ב
**1-845-200-0443**
(ארה"ק: 072-257-3456)

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה
(MP3) של השיעור, יש לפנות
דרך האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ניתן לקבל את הקונטרסים דרך
הדואר (בכל שבועיים) במחיר
חודשי של 15$ עבור הוצאות
עריכת הקונטרסים
**נא לפנות אל מס'**
**(+1) `347-232-7166**

בס"ד

# ~ פרשת ויגש, שנת תשל"ה ~

(טייפ מס' 65#)

## "שִׂכְלִי הַיָקָר!"

(חסרה ההתחלה, מדבר ע"פ תורה ס"ב) "אז מען וועט האבן א ידיעה בלב שלם אז "מלא כל הארץ כבודו", דעמאלט וועל איך ביים דאווענען מדקדק זיין און מכוון זיין יעדעס וואָרט; דער אויבערשטער שטייט דאך אויף אונז!"[א]

דער רבי האט אנגעהויבן זאגן פריער[ב]: "אז דער אמת איז, אז וואס דער אויבערשטער האט מגביל געווען דעם שכל זאל קענען פארשטיין (- הוא מצוה גדולה לחדד השכל!"). זאגט דער רבי ווייטער, דאס מיינט, אז די ידיעה פון 'מלא כל הארץ כבודו', אט די ידיעה קען יעדער איינער האבן.

ער האט טאקע נישט קיין ידיעה בבחינת 'ראִיה' - אז ממש ער זעהט מיט די אויגן, דאס איז ביי אים נישטא; אבער א ידיעה פון אמונה דאס קען יעדער איינער האבן - ווען? שארפן דעם שכל דארף ער!

ממילא אז ער וועט האבן די ידיעה, וועט ער שוין אנדערש דאווענען - געוואלד, דער אויבערשטער שטייט דאך איבער מיר, ער הערט דאך יעדן ווארט!

---

[א] וזל"ש באות ב': "ובאמת אם היה יודע האדם ידיעה בלב שלם, 'שמלא כל הארץ כבודו' (ישעיה ו), והקדוש ברוך הוא עומד בשעת התפילה, ושומע התפלה. ודאי היה מתפלל בהתלהבות גדול, והיה מדקדק מאד לכון את דבריו. ובשביל שהאדם אינו יודע זאת ידיעה בלב שלם, בשביל זה אינו מתלהב כל כך, ואינו מדקדק כל כך. וכל אחד לפי מעוט שכלו וידיעתו, כן התלהבותו ודקדוקו".

[ב] שם, וזל"ק: "כי האמת, מה שהגביל השם יתברך לשכל האנושי שיוכל להבין, הוא מצוה גדולה לחדד השכל, להבין הדבר על בריו, ועל זה נאמר (אבות פרק ב): 'ודע מה שתשיב לאפיקורוס'. כי יש חלוק בין הקשיות", וכו' עיי"ש.

אין "שערי ציון" אין די תפילות אויפן טאג פון דעם אר"י הקדוש, איז דא דארטן א תפילה: "שכלי היקר"[ג]. ער רעדט דאס גרויסקייט פון דעם שכל: "מיין מח, מיין טייערער מח, מיין טייערער שכל" - שכלי היקר.

(מען דארף זאגן צו זיך:) 'איך בין נישט מחדד מיין שכל, איך שארף נישט מיין שכל'; מיט דעם ענין פון התבודדות שארפט ער אויך דעם שכל - דער עיקר פארמעגן איז דער שכל מיינער; 'וואס איז מיט מיין שכל - איך לאז אים אפ, איך שארף אים נישט'!

אט דאס איז אפיקורסות - זאגט דער רבי - דער יצר הרע מאכט אט די אפיקורסות, דאס אז ער האט נישט די ידיעה פון 'מלא כל הארץ כבודו'[ד].

אז דער אויבערשטער וויל פון אונז אז מיר זאלן האבן אט די ידיעה, מיינט דאס, אז מיר קענען האבן די ידיעה. נאר וואס דען? מיר זאלן מקיים זיין - מען זאל שארפן דעם שכל.

❖

## "ויטע אש"ל" - א'שפוך ל'פניו ש'יחי

(ר' נחמן בורשטיין: ש'פכי כ'מים ל'בך איז ר"ת שכל!) **יא, אוודאי!**

"ויטע אשל"[ה] - אברהם אבינו האט איינגעפלאנצט אַן אשל. עס איז א מחלוקת אין גמרא[ו] וואס איז געווען דער אשל - צו א פונדק - צו א פרדס; אבער סיי ווי האלטן אלע, אז דער אשל איז געווען אן ענין פון התקרבות, ער האט געגעבן עסן - אן ענין פון התקרבות איז דאס געווען (- לקרב בני אדם להשי"ת).

---

[ג] שער ג, תיקוני תפילות ליום שלישי, ובא"ד: "לשכלי היקר והמהודר. אשר בצל כנפיך חצבת ברחמיך הרבים, ולא בהכרח, כי טוב ומטיב אתה", וכו'.

[ד] שם בהמשך: "והידיעה היא מהיצר הטוב שבלב, והסתרת הידיעה היא מהיצר הרע שבלב. והסתרת הידיעה, הן הן אפיקורסות וקשיות, שהיצר הרע מקשה את לבו ליפול ברעה (משלי כ"ח)".

[ה] בראשית כא, לג.

[ו] סוטה י.

דער ר' נחמן[ז] - דאס איז זיינער א טייטש: "ויטע אשל" - איז דאך א לשון: ער האט איינגעפלאנצט. האט ער אזוי געזאגט: דעמאלט איז געווען - אברהם אבינו האט געשריגן אז 'דער אויבערשטער איז דער בורא'; און נמרוד איז געווען אן אפגאט - די גאנצע וועלט האט זיך צוגעצויגן צו נמרוד'ן; ער איז געווען א גרויסער מכשף, ער האט ווילדע זאכן געטאן מיט כישוף, גרויסע זאכן האט ער געטאן. האט ער צוגעצויגן די וועלט טאקע, די גאנצע וועלט איז געגאנגען נאך נמרוד אז ער איז דער אפגאט; און אז מען איז אריינגעקומען צו אברהם אבינו, האט ער געגעבן עסן, טרינקען, און געראדט (צום אורח) אז ער זאל בענטשן צום אויבערשטן[ח] - אבער אז ער גייט (צוריק) ארויס אינדרויסן, וועט ער דאך הערן אנדערע קולות (מאת עדת נמרוד. העצה ע"ז:) "ויטע אשל". "אש"ל" מאכט: א'שפוך ל'פניו ש'יחי; און "ויטע" איז איינפלאנצן; דאס אז עס זאל זיין איינגעפלאנצט מיט א קיום, אויף כסדר, איז דורך "א'שפוך ל'פניו ש'יחי" - זאג דעם רבוש"ע: "אברהם זאגט אז דו ביזט דער גאט און נמרוד זאגט אז ער איז דער אפגאט - רעד עס אוים פארן אויבערשטן דאס דאזיגע!".

(משה בינענשטאק: ס'געווען ר' נחמן ב"ר דוד צבי - דער ר' נחמן אלשיך?) **יא, ער איז א גרויסער מתבודד געווען!** (ר' נחמן: דאכט זיך אז "אצל אלוני ממרא" האט ער אויך געזאגט - אז "אצ"ל" איז צ'רתי ל'פניו א'גיד![ט])

**אונזערע לייט פלעגן זאגן: מען זעהט אין זוהר הקדוש, אז די חברייא - ווען זיי האבן געהערט חידושים פון רבי שמעון בן יוחאי, האבן זיי געזאגט: "אילו לא באנו לעלמא אלא למשמע דא די!". פלעגן אונזערע לייט זאגן: "מיר זאלן מער נישט האבן פונעם רבי'ן נאר די עצה פון אויסרעדן זיך פאר השי"ת, איז שוין גענוג!"**

---

[ז] ה"ה 'רבי נחמן בן רבי דוד צבי בן רבי יצחק בן מוהרנ"ת' המכונה גם "רבי נחמן מיטן אלשיך" (ע"ש שהיה מרבה לדבר מדברי תורתו של האלשיך הקדוש והיה בקי בפירושו על התורה). כשהיה מדבר עם אנ"ש בשיחת חברים וכיוצא, היו דיבוריו נסובים בעיקר סביב עצת ההתבודדות והשיחה בינו לבין קונו. (שיש"ק החדש ח"ב, תרע"ט).

[ח] עיי"ש בגמ': "ויקרא שם בשם ה' אל עולם" אמר ריש לקיש: אל תיקרי ויקרא אלא וַיַקריא מלמד שהקריא אברהם אבינו לשמו של הקב"ה בפה כל עובר ושב. כיצד? לאחר שאכלו ושתו עמדו לברכו, אמר להם: וכי משלי אכלתם? משל אלקי עולם אכלתם; הודו ושבחו וברכו למי שאמר והיה העולם".

[ט] פסוק בתהילים קמב, ג.

אז מיר זאלן מער נישט האבן נאר די עצה אליין פון 'זיך אויסרעדן פאר השי"ת אזוי ווי פאר אן אמת'ן גוטן פריינד' - איז שוין גענוג; אז מען זאל ווען מער נישט קומען אין דער וועלט נאר אויף דאס דאזיגע - איז שוין גענוג!

דאס איז א געוואלדיגע זאך; ער איז מיין בעסטער גוטער פריינד - און וואס איך האב עפעס א זאך, דארף איך זיך אויסרעדן פאר אים, איך דארף אים דאס דערציילן!

איינגאנצן - (מה שעובר על האדם) וואס איך קען דאס בשום אופן נישט פאר א מענטש דערציילן און איך טאר אים נישט דערציילן, אבער פאר השי"ת דארף מען דאס אויסרעדן - דאס איז: "ויטע אשל", עס ווערט איינגעפלאנצט, ווערט עס איינגעפלאנצט.

אסאך מאל בעטן מיר דעם אויבערשטן: "שתעלֵנו בשמחה לארצנו ותטעֵנו בגבולנו" - איינפלאנצן. דאס פלאנצן איז א מין 'קיום הדבר': 'איינגעפלאנצט און איינגעווארצלט'; און צו זיין איינגעפלאנצט אינעם אויבערשטן, איז דורך "א'שפוך ל'פניו ש'יחי"!

❖

## וואס ווילסטו פון אים האבן?

דער רבי האט דאך געזאגט קעגן פלוטעס[י]: "אָן התבודדות איז מען פלוטעס!" - מען קען זיין אַן ערליכער איד, אבער מען איז פלוטעס - דאס הייסט 'מבולבל', ער איז נישט קביעות'דיג.

נו, דאס איז א געוואלדיגער 'כלי זיין' - התבודדות![יא] מען דארף אסאך דאנקען דעם אויבערשטן וואס מיר ווייסן פון דעם כלי זיין, און נוצן דעם 'כלי זיין'! נוצן דעם כלי זיין.

---

[י] עי' בספה"ק שיחות הר"ן אות רכ"ח: "שמעתי בשמו שאמר: בוודאי נמצאים כשרים אף על פי שאין להם התבודדות. אבל אני קורא אותם "פלייטים" מבהלים ומבולבלים. ופתאום כשיבוא משיח ויקרא אותם יהיו מעורבבים ומבולבלים. אבל אנחנו נהיה דומים כמו האדם אחר השנה שדעתו נוחה ומיושבת היטב כן תהיה דעתנו נוחה ומיושבת עלינו בלי מהומה ובלבול".

[יא] עי' בספה"ק "ליקוטי עצות" - ערך 'תפלה' אות ב' (ע"פ ליקוטי מוהר"ן סי' ב'): "עיקר הכלי זיין של איש הישראלי הוא התפילה, וכל המלחמות שצריך האדם לכבש הן מלחמת היצר הרע הן שארי מלחמות עם המונעים והחולקים הכל על ידי תפילה ומשם כל חיותו. על כן מי שרוצה לזכות לקדושת ישראל באמת צריך להרבות בתפלות ובקשות ושיחות בינו לבין קונו, כי זה עיקר הכלי זיין לנצח המלחמה!".

מיט דעם 'כלי זיין' קענען מיר כובש זיין אלע שלא כסדר'ס! 'אויסדערציילן השי"ת אלצדינג, אלעם דערציילן פאר השי"ת' - דאס איז דאך דער עיקר התבודדות!

'התבודדות' איז דאך נישט דער פשט: אַן אויסגעשטעלטע לידל - אלע טאג די אייגענע (- זעלבע) ווערטער - נאר דאס דארף דאך אויך האבן אן התחדשות!

דער עיקר איז דאך, אז 'כל מה שעובר עליו' - וואס עס גייט אויף אים איבער, זאל ער אלעם דערציילן דעם אויבערשטן! די אלע בלבולים וואס ער האט און די אלע מניעות, זאל ער אלצדינג דערציילן! דאס איז דאך דער עיקר התבודדות - אלעם דערציילן דעם אויבערשטן, "אשפוך לפניו שיחי"!

און דער עיקר איז: זיך אויסרעדן פאר אים, 'שפכי כמים ליבך' - אלעם דערציילן פאר אים - דאס איז א געוואלדיגע התקרבות!

און דאס איז א געוואלדיגער קלאפ פאר'ן בעל דבר, ער האט נישט וואס מקטרג צו זיין אויף דעם מענטשן, ווייל ער רעדט אלצדינג אוים פאר'ן אויבערשטן, (והשי"ת בעצמו אומר להמקטרג:) **'אז עס איז אים שלעכט - איז וואס ווילסטו פון אים האבן? ער דערציילט דאך מיר אלעם - ער איז זיך דאך מתמרמר פאר מיר: 'פארוואס, פארוואס?'!'**

דער רבי זאגט דאך: אז 'אין דין למעלה'[יב]. פלעגן אונזערע לייט זאגן: 'פארוואס איז 'אין דין למעלה'? ווייל מען קען נישט האבן קיין קיטרוג אויף אים! ער דערציילט אליין אלעם פאר'ן אויבערשטן, ער רעדט אלצדינג אוים!'

❖

## מיר שיעור געוואלט מאכן פאר א גוי...

דער רבי זאגט דא א געוואלדיגער לשון: "די 'הסתרת הידיעה' וואס ער ווייסט נישט אז 'מלא כל הארץ כבודו' וואס דערפאר איז ער נישט מדקדק אזוי ביים

[יב] עי' ליקוטי מוהר"ן, סימנים ט"ו, קנ"ד, ובסי' קס"ט, וזל"ש: "ולהמתיק הדין, הוא על-ידי שהאדם דן את עצמו, דהיינו על כל מה שעושה ידין וישפוט בעצמו את עצמו על כל דבר אם כך ראוי לו לעשות, ויפשפש במעשיו ויתקנם כראוי על-פי דין ומשפט התורה, ועל ידי זה שהאדם דן ושופט את עצמו, על ידי זה ממתיק ומבטל הדין שלמעלה כי 'כשיש דין למטה אין דין למעלה'" (מדרש רבה שופטים פר' ה').

**דאוועגען, דאס איז די אפיקורסות וואס דער יצר הרע איז מקַשה את לבו ליפול ברעה".**

(ר' נחמן: ר' יונה לעבל[יג], עליו השלום, האט זיך אמאל אויסגעדריקט: "רבונו של עולם, דער יצר הרע האט היינט מיר שיעור געוואלט מאכן פאר א גוי..." - ער האט אזעלכע שיינע ווערטער געהאט!) **יא יא, דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן!**

(אחד הנוכחים: ר' יונה האט מחיה געווען טויזנטער'ס מענטשן!) **אזא מין גוטסקייט - געבן יענעם, מחיה זיין יענעם!**

**ברוך השם, עס איז דא ביי אונז 'כלי זיין' - עס טוט זיך אויף דער וועלט 'נֶשֶק** (-געווער), **ווער עס איז מער א חכם, קען ער מאכן נשק צו גיכער חרוב מאכן די וועלט[יד] - וואו איז דער 'נשק' צו מחיה זיין די וועלט, צו מאכן לעבעדיג זיך, צו מאכן לעבעדיג יענעם?!**

**ברוך השם, מיר האבן זייער א טייערן נשק, אזא נשק וואס מיר רעדן איצטער: 'רעדן צום אויבערשטן!'**

❖

[יג] ה"ה ר' יונה ב"ר חיים משה נחמיה לעבל. איש מלא אמונה ושמחה. תפילתו היתה מכל הלב בהשתפכות ובתחנונים תמיד, יצַר סביבו מצב רוח מרומם ודאג במסירות נפש להשביע נפש רעבה ולעודד כל נדכה. הכנסת האורחים שלו במירון בתקופה הקשה לפני עשרות שנים היה שם דבר. היה בעל תוקע בקיבוץ דראש השנה במירון ופסוקי "מן המיצר" שלו היו מרעידים לבבות. נלב"ע ב' ניסן תשכ"א בן 46. (ע"פ גידולי הנחל)

[יד] עי' חיי מוהר"ן, תקמו: "דיבר לענין מלחמות המלכים שנלחמים אחד בחבירו על איזה נצחון ושופכין דם הרבה בחינם וכו'. ואמר שכבר נתבטלו כמה שטותים מן העולם מה שהיו תועים ונבוכים בדורות הראשונים, [כגון עניני עבודות זרות שהיו שוחטים בניהם למולך וכיוצא, עניני שטותים הרבה שהיו בדורות הראשונים] ועכשיו נתבטלו הרבה שטותים. ועדיין טעות זה ומבוכה זו של מלחמות לא נתבטלו. והיה מתלוצץ מן חכמיהם ואמר בלשון ליצנות שהם חכמים גדולים וחושבים וחוקרים בחכמתם איך לעשות כלי זיין נפלא שיוכל להרוג אלפים נפשות בפעם אחת. וכי יש שטות יותר מזה לאבד ולהרג נפשות רבות בחנם?!...".

# זיין דא און דארט!

אפילו ער קען נישט רעדן צום אויבערשטן - עס איז דא א מכתב[טו] פון ר' נחמן טולטשינער צו ר' יחזקאל העשיל: אז "דאס אויפהויבן די אויגן צום אויבערשטן איז **עפעס א געוואלדיגע זאך!...**"

אין תיקונים[טז] שטייט דאך: אז 'שמע' מאכט: "ש'או מ'רום ע'יניכם" - אט דאס איז קבלת עול מלכות שמים: 'הייב אויף די אויגן צום אויבערשטן', "שאו מרום עיניכם"!

א מענטש אז ער הויבט נישט אויף די אויגן, מיינט ער עפעס - אז דאס איז עס, דאס איז עס (רק מה שרואה בזה העולם!)

דער רבי זאגט אין תורה נ"ד[יז], אז מען היט אפ דעם זכרון פון 'עלמא דאתי', בין איך מקשר די צוויי עולמות, און דאס איז דער יחוד פון "הוי"ה-אלקי". "אלקי" - דאס איז מלכות - דאס איז 'די' וועלט - און "הוי"ה" איז 'עלמא דאתי', איז ער מקשר די ביידע עולמות.

"הוי"ה-אלקי" - זאגט דער זוהר הקדוש: "סליקו דמחשבה דעלמא דאתי"; און אז די מחשבה גייט ארויף און טראכט פון עלמא דאתי, ווערט נשלם די צוויי שמות, "הוי"ה-אלקים". דער עיקר איז, מען זאל עס משלים זיין.

פרעה האט דאך געזאגט טאקע: "מי ה' אשר אשמע בקולו"[יח]. ווייל "אלקי" האט ער געוואוסט, דאס איז נאר אין 'די' וועלט - אז עס איז דא א רבונו של עולם אין די וועלט אַרט אים נישט - אבער מיטנעמען דארטן אויך? מאכן דארטן און דא - איינס?! אויף דעם האט ער געזאגט: "מי ה' אשר אשמע בקולו", דאס וויל ער נישט.

---

[טו] מכתב ו': "אם הלב אטום ואין מלה בפינו בבחינת: אין לי פה לדבר וכו' שאמרו וצווחו הקדמונים, אז העיקר - לשא עינינו למרום, אשר זאת יקר אצלו יתברך בלי שיעור! כמבואר בדברי נביאים ובדברי חז"ל".

[טז] עי' תיקון מ"ט, עפ"י הכתוב בישעי' מ' כ"ו.

[יז] עי' שם, אות א': "ה' אלקים הוא בחינת שם מלא, שהוא בחינת עלמא דאתי כמובא. וכן מבואר בסבא משפטים דף צ"ח על פסוק זה. ה' אלקי, דא שירותא דמהימנותא, סליקו דמחשבה דעלמא דאתי".

[יח] שמות ה, ב.

דער רבי זאגט טאקע אין תורה ד'[יט]: 'אז [די עבודת אלילים] ווערן אנגערופן בשם 'אלהים אחרים'; קיין שום 'שם' האבן זיי נישט, אבער דעם שם האבן זיי יא - 'מלכות', דאס האבן זיי. דאס איז אבער נאר אין די וועלט, אבער האבן עפעס א געדאנק פון עלמא דאתי, דאס האבן זיי נישט; און טאקע אט די שלימות, זאגט דער רבי, איז: "ה' הוא אלקים"!

טאקע ביי אליהו - אז ער האט אויסגע'הרג'עט דארטן די נביאי הבעל, האבן אלע אויסגעשריגן: "ה' הוא אלקים, ה' הוא אלקים"[כ]. ווייל דאס איז דער עיקר, אז נישט נאר 'אלקים' אליין - די נביאי הבעל האבן דאך אויך אן 'אלהים אחרים', נאר "ה' הוא אלקים" - 'די' וועלט מיט יענע - דאס איז עס, "ה' הוא אלקים"!

אז עס קומט טאקע ווייטער 'יום כיפור', עס איז א געוואלדיגער עת רצון ביי נעילה, שרייט מען: "ה' הוא אלקים, ה' הוא אלקים", דאס איז די שלימות. אז דער מענטש טראכט פון עלמא דאתי, איז ער מייחד די צוויי שמות, "הוי"ה-אלקים" - דאס איז דער רצון פון דעם אויבערשטן!

וואס איז די גרויסע זאך פון א נשמה אויף די וועלט? מיט וואס איז זי העכער ווי מלאכים? נאר מלאכים האבן נאר הוי"ה אליין - אויבן אין די עולמות; אבער מיר זענען דאך דא, "אלקים מלכי מקדם" איז דאך דא; דא אז מען האט אינזין דעם אויבערשטן, איז מען מייחד "הוי"ה-אלקי" וואס דאס איז די שלימות: זיין דא און זיין דארט![כא]

[יט] אות ב', וזל"ק שם: "עכשיו המלכות והממשלה להעכו"ם, ובשביל זה נקראים עבודת אלילים שלהם בשם אלהים, כי יונקים מבחינת מלכות הנקרא אלהים, כמו שכתוב (תהלים ע"ד): "אלקים מלכי מקדם". וכשמעלין בחינת מלכות מבין העכו"ם, אזי נתקיים (שם מ"ז): "כי מלך כל הארץ אלקים".

[כ] מלכים-א יח, לט.

[כא] עי' בליקוטי מוהר"ן תניינא ז', אות ד': "ואפילו כשמגיע זמנו להסתלק, והנשמה עולה ומתדבקת במקום שעולה, בעולמות עליונים, אין זה תכלית ושלימות, שתהיה הנשמה רק דבוקה למעלה. רק עיקר השלימות של הנשמה היא, שבעת שהיא למעלה תהיה למטה גם כן. על כן צריך שישאיר אחריו ברכה, בן או תלמיד, כדי שישאר דעתו למטה גם-כן בעת שנסתלק למעלה, ...כי זהו עיקר השלימות, שישאר דעתו בעולם הזה גם בעת ההסתלקות, כשהנשמה עולה למעלה. כי מי שיודע קצת בידיעתו יתברך, הוא יודע שעיקר התענוגים והשעשועים של השי"ת הוא רק שאנחנו מעולם הזה השפל נגדל ונקדש שמו יתברך, וזהו עיקר התענוגים והשעשועים של השי"ת, כמו שכתוב: "ואבית תהלה מגושי עפר מקרוצי חמר" וכו', כי השי"ת יש לו שרפים וחיות ואופנים ועולמות עליונים, שהם עובדים אותו יתברך, ואף על פי כן עיקר התענוג והשעשוע שלו - כשעולה למעלה העבודה של עולם השפל הזה! ועל כן צריכין

# רבוש"ע, בינד מיר צו!

נו, דאס דארף מען אויך אויסרעדן צום אויבערשטן: 'רבונו של עולם, בינד מיך צו צו דיר, בינד מיך צו צו דיר! בינד מיך מיט א 'קשר אמיץ וחזק" - דער אויבערשטער האט ליב אזעלכע דיבורים - אזעלכע תפילות האט דער אויבערשטער זייער ליב, עס איז א געוואלדיגער נחת רוח פאר'ן אויבערשטן.

עס שטייט: "אשה ריח ניחוח לה'" - זאגט דער זוהר הקדוש: וואס האט דער אויבערשטער פון דעם קרבן - די כהנים האבן די קדשי קדשים, דער מזבח האט די אימורים - וואס האט דער אויבערשטער פון דעם קרבן? "ריח ניחוח לה'"; אז דער מענטש האט א רצון צום אויבערשטן, דאס איז דער ריח ניחוח וואס דער אויבערשטער האט! דאס איז דער "נחת רוח לפני שאמרתי ונעשה רצוני"[כב].

דער רבי זאגט אין שיחות הר"ן[כג]: "פארוואס לאזט איר דעם אויבערשטן גוזר זיין גזירות? אז א מענטש רעדט זיך אוים צו השי"ת, איז דער אויבערשטער 'פונה מכל עסקיו' און ער הערט זיך איין וואס דער מענטש רעדט, ממילא ווערן בטל די גזירות"!

- ער איז 'פונה מכל עסקיו' - איינער רעדט מיט מיר עפעס דיבורים!

עס איז דאך א געוואלדיגע התקרבות; חוץ וואס דער מענטש אליין ווערט מקורב צום אויבערשטן, איז ער פון די גאנצע וועלט מבטל גזירות.

מיר ווייסן אלעם - און עס איז נאך זייער שווער צו פאלגן דעם רבי'ן אין די זאך...

---

להשאיר אחריו בן או תלמיד, כדי שישאר דעתו למטה, שיאיר בבני עולם הזה השפל. כי כשנשאר דעתו למטה על ידי בן או תלמיד, נחשב כאילו הוא בעצמו ממש נשאר בעולם".

[כב] רש"י ויקרא א, ט.

[כג] עי"ש, סי' ע': "ענה ואמר: היתכן שאנו מניחין את השם יתברך שיעשה ויחשב לגזר גזרות בעולם? (כי אז באותו הזמן נשמע שיוצאין גזרות על ישראל חס ושלום). כי אנו צריכין לקרות את השם יתברך מעסקיו שהוא עוסק בהם באיזה גזרה וכיוצא חס ושלום, לקרות אותו משם שישליך זאת ויפנה אלינו למה שאנו רוצים לדבר עמו לבקש ממנו שיקרב אותנו לעבודתו יתברך. כי כשאחד מישראל רוצה לדבר עם השם יתברך לפרש שיחתו לפניו יתברך, אזי השם יתברך משליך כל עניניו וכל הגזירות שרוצה לגזור חס ושלום וכל העסקים שלו שהוא יתברך עוסק בהם כביכול, והוא משליך הכל ופונה עצמו רק לזה האיש שרוצה לדבר עמו ולפרש שיחתו לפניו לבקש מאתו שיעזרהו להתקרב אליו יתברך".

"אשפוך לפניו שיחי"; התבודדות אליין דארף אויך עפעס א מין התחדשות, רעדן נייע דיבורים - דאס איז אינגאנצן מיין זאך, אינגאנצן מיין יסוד, דאס שטעלט מיר אוועק; וואס איך וועל זיך מער מדבק זיין אין די זאך - בין איך מער יסוד'יש, בין איך מער דבוק אין דעם אויבערשטן, בין איך מער מענטש - איך בין מער.

❖

## געהאט אלע טאג התבודדות!

ר' דוד צבי דאשיווסקע[כד] איז געווען ר' יודל'ס אן אייניקל, ער איז א הויכער סארט מענטש געווען. ער פלעגט זאגן אַן הלכה (מליקוטי הלכות) פון ר' נתן'ען, אויסעווייניג; ער האט עס נאך געהערט פון ר' נתן'ען, ער האט געהאט א גוטן קאפ - זאגן אן הלכה!

(ר' משה בינענשטאק: איז ער א זקן מופלג געווען?) יא, ער איז אלט געווען פיר און אכציג יאר (בעת הסתלקותו) - איז ער אלט געווען פערצן יאר ווען ר' נתן איז נסתלק געווארן. ער איז געווען א גוטע קאפ און ער האט געהערט - (פון ר' נתן'ען, ליקוטי הלכות).

(ר' נחמן: ער איז געווען דער וואס פלעגט ארויפטאנצן אויף די בענק און פריילך מאכן?) ניין ניין, נישט ער.

ר' דוד צבי, ר' יצחק'ס (בן מוהרנ"ת) זון - ר' מיכל'עס א ברודער, איז געווען א געוואלדיגער פריילעכער מענטש. ער פלעגט אריינקומען פורים מיט א ברייטן קאפעלוטש און ער האט אנגעצינדן אויפן קאפעלוטש ארום און ארום לעכט - און געגעבן א קום אריין אזוי מיט דעם קאפעלוטש מיט די לעכט... א כח השמחה האט ער געהאט געוואלדיג!

ר' מיכל'ע איז געווען פאר'דביקות'ט - און ער איז געווען א געוואלדיגער פרייליכער...

- און ר' דוד צבי דאשיווסקע - ווען איך בין געקומען (קיין אומאן) איז ער שוין נישט געווען. דאכט זיך מיר, תרע"ב איז ער נפטר געווארן; ער איז נפטר געווארן צומארגנס פון דעם רבי'נס יארצייט.

---

[כד] אביו: ר' יונה נכד ר' יודל מדאשוב מגדולי תלמידי רביז"ל. מכונה גם ר' דוד צבי מדימיטריווקע ע"ש עיר מגוריו ליד טשעהרין. היה זקן אנ"ש באומאן.

ער איז נאך נפטר געווארן (- היה גוסס) אין רבי'נס יארצייט (י"ח תשרי), נאר ר' יודל (אחיו הצעיר) האט געשריגן (- געבעטן אויף אים) אסאך, האט ער זיך געגעבן א כאפ אויף, האט ער געלעבט נאך א שעה-צוויי - איז ער אריינגעגאנגען אביסל אום - (יום י"ט תשרי), א טאג נאכ'ן רבי'ן.

ר' אברהם ר' נחמן'ס איז אויך געוועזן אויף דער לויה. האט ער געזאגט בשעת די טהרה: **"דאס איז געווען א איד וואס האט געהאט אלע טאג התבודדות!"**

דאס איז דער גרעסטער שבח אויף א מענטשן - אין דעם איז שוין אלצדינג כלול; א איד וואס ער דערציילט אלצדינג דעם אויבערשטן און דער אויבערשטער האט פון דעם א 'נחת רוח', דאס איז דער גרעסטער שבח!

דער גרעסטער שבח איז דאך דאס - א "נחת רוח לפני שאמרתי ונעשה רצוני".

מען דארף גוט חזר'ן איינער מיט דעם אנדערן, "איש לרעהו יעזורו". לאמיר זיך האלטן אין די זאך, זיך באנייען אין דעם!

❖

# אן אמת'ער ניצוץ פון שמחה

די וועלט זאגט אויף אונז, אז ברסלב'ער חסידות איז עפעס א מרה שחורה'דיגע זאך - 'זיי האבן נאר אינזין דעם תכלית, זיי רעדן נאר פון שטארבן'. דער אמת איז דאך אבער נישט אזוי: אויב מען האט נאר אינזין 'די' וועלט - מען האט נישט קיין העכערע געדאנקען - 'די' וועלט איז דאך עצבות, מען קען גארנישט האבן קיין ניצוץ פון שמחה.

טאמער האט מען אינזין די תאוות - איז נישט קיין שמחה, דאס איז יגון ואנחה; א ניצוץ פון א אמת'ע שמחה קען מען גארנישט האבן, סיידן (- נאר אויב) מען האט אן התקשרות צו עלמא דאתי; א ניצוץ פון עלמא דאתי - דאס איז א ניצוץ פון שמחה!

פארקערט גאר: דער רבי הייסט דאך אז מען זאל האבן אן התקשרות צו עלמא דאתי - דער רבי איז דאך נישט סותר זיינע רייד; דער רבי זאגט: "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד"[כה]. 'תמיד' איז דאך פשט, אז אפילו בשעת איך רעד צום אויבערשטן דארף איך אויך זיין בשמחה - און נאך אזעלכע לשונות פון שמחה רעדט דער רבי

[כה] ליקוטי מוהר"ן תניינא כ"ד.

געוואלדיג. און דא זאגט דער רבי: "האבן א זכרון אין עלמא דאתי". וועט מען זאגן אז איינס איז סותר דאס אנדערע? פארקערט: מען קען נישט זיין בשמחה תמיד, סיידן מען האט אינזין 'עלמא דאתי'.

נאך א זאך: אז מיר רעדן פון עלמא דאתי, מיינען מיר, (אז מען רעדט פון) עלמא דאתי פון שטארבן, מען לייגט אים אריין אין גרוב אריין - דאס איז א פראסטע (- פשוט'ע) זאך; דער זכרון פון עלמא דאתי, מיינט מען, דעם תענוג פון עלמא דאתי!

דער תענוג פון עלמא דאתי - וואס איין רגע תענוג אין עלמא דאתי איז מער ווי די אלע הנאות פון דער וועלט - אזא תענוג וועט זיין פאר יעדן איינעם!

- 'ווען' ער וועט קומען צו דעם תענוג - אבער דאס איז דער תענוג; פאר דעם האט דער אויבערשטער באשאפן די וועלט; און דאס איז אזא מין תענוג וואס די מלאכים האבן נישט דעם תענוג, די מלאכים וועלן דארפן פרעגן די אידן ("מה פעל אל?") - אזא מין תענוג שטייט פאר יעדן איינעם.

נאר וואס דען, א מענטש וואס איז נישט קיין נארישער עקשן, וועט ער גיכער זוכה זיין צו דעם תענוג; און אז נישט, דארף אוועקגיין נאך גילגולים מיט זיכוך - אבער צו דעם תענוג מוז ער קומען, ער מוז קומען צו דעם תענוג! צוליב דעם האט אים דער אויבערשטער באשאפן אין די וועלט - כדי ער זאל קומען צו דעם תענוג וואס מלאכים קענען נישט קומען דערצו!

און דאס אז מען דערמאנט זיך אין די זאך - איז דאך דאס א ניצוץ פון שמחה: 'אזא זאך שטייט פאר מיר! אזא זאךווארט פאר מיר!'. נאר וואס דען, וואס מער איך וועל ממעט זיין אין נארישע תענוגים, וועל איך זיין נעענטער צו דעם תענוג; אבער סוף-כל-סוף, אפילו ווי אזוי עס איז, אזא תענוג וועט זיין פאר מיר!

❖

# "אייביג"

(ר' נחמן: ר' אברהם ר' נחמן'ס רעדט ארום דעם, וועגן דעם ווארט 'אייביג', ער מאכט אינגאנצן א שמועס וואס דאס הייסט 'אייביג', אז די אלע צרות פון די וועלט זעהט זיך אפילו גארנישט אן![כו]) **אוודאי, עס איז דאך נישט קיין אייביגע זאך; א זאך וואס עס איז אייביג, דארף איך זיך דאך פארלייגן אויף די זאך.**

**אז איך בין שוין מאריך ימים - אז נח האט שוין געלעבט ניין הונדערט פופציג יאר - איז ער דאך אויך נפטר געווארן; און מתושלח האט שוין געלעבט ניין הונדערט ניין און זעכציג, איז ער דאך אויך נפטר געווארן.**

**זעהט מען דאך ארויס - אפילו טויזנט יאר איז דאך אויך נישט קיין אייביגע זאך. 'נצחיות' איז דאך דער פשט, אז עס איז נצחיות, עס איז אייביג, עס ווערט נישט איבערגעהאקט; עלמא דאתי ווערט נישט נפסק.**

**איז דאך דער פשט: א מענטש - וואס ער איז נענטער צו דעם תענוג הנצחי, צו תורה און תפילה - אט די אלע זאכן איז דאך ממש א ניצוץ פון שמחה!**

**דער רבי זאגט אין ספר המידות[כז]: "תפילה שהיא בשמחה היא עריבה ומתוקה להשם יתברך" - און דא קומט אויס אז ביי תפילה דארף מען האבן א לב נשבר!? נאר עס איז עפעס גאר איין זאך - די שמחה וואס מיר רעדן דא מיט 'לב נשבר', דאס איז גאר איין זאך, אז ער האט לב נשבר, האט ער שמחה![כח]**

**נאך א זאך: א מענטש אז ער רעדט צום אויבערשטן, מוז ער דאך האבן א גרויסן לב נשבר, א פחד השם, איז עס עפעס אויסגעמישט איינער מיטן אנדערן** (השמחה עם הלב נשבר) -

---

[כו] עי' כוכבי אור, ששון ושמחה, תפילה א' הערה ג', באריכות נפלא ונערב אודות ענין זה, וז"ל שם בא"ד: **כְּבָר נוֹדַע מַה שֶּׁמּוֹהֲרְנַ"ת זַ"ל דִּבֵּר פַּעַם אַחַת מִפֵּרוּשׁ תֵּבַת "אֵייבִּיג"** (נֶצַח) **וְהַמּוּבָן מִדְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁבְּהָאֱמוּנָה הַפְּשׁוּטָה מִצְוָה גְּדוֹלָה לְהִתְפַּלֵּא מֵרָחוֹק עַל גֹּדֶל וְעֹמֶק פֵּרוּשׁ הַתֵּבָה הַזֹּאת.**

[כז] ערך 'תפילה', סעיף פ"א.

[כח] עי' בשיחות הר"ן מ"ה: "**אחר לב נשבר בא שמחה, וזה סימן אם היה לו לב נשבר כשבא אחר כך לשמחה**". גם עי' ליקוטי מוהר"ן קע"ה.

ר' אברהם ר' נחמן'ס האט א שמועס דארטן[כט]: אז דער אמת איז דאך, אז "כל צדיק וצדיק נכוה מחופתו של חבירו"[ל], איז דאס דען א תענוג עולם הבא אז אין עלמא דאתי וועט ער נאר האבן בושה? - אז ער וועט זעהן תמיד גרעסערע פאר זיך, וועט ער דאך נאר האבן בושה, וואספארא עולם הבא איז דאס?!

רעדט ער ארום דעם שמועס - וואספארא תענוג די בושה איז - די בושה וואס איך שעם זיך פאר דעם אויבערשטן - און ווייטער ווייטער אלעמאל גייט די בושה גרעסער.

אט דאס איז טאקע וואס מיר רעדן דא: א מענטש דארף האבן א פחד השם, א בושה פאר'ן אויבערשטן - און דאס אליין איז א געוואלדיגע שמחה!

דאס אליין איז א געוואלדיגע שמחה וואס דערוויל האט ער א שייכות מיטן אויבערשטן, דערוויל רעדט ער דאך פארן אויבערשטן. איי ער האט דאך דערוויל א בושה - געוואלד?! אבער דאס איז עס, דיביידע זאכן זענען זיך נישט סותר צוזאמען: דער 'זכרון אין עלמא דאתי' - און זיין 'בשמחה תמיד' - די ביידע זאכן דארפן ארבעטן אין א מענטשן - און דאס וועט אים אוועקשטעלן!

ר' נתן האט געזאגט טאקע: "די צדיקים וואס איך ווייס אז זיי זענען צדיקים, ווען זיי האבן ווען דעם לב נשבר וואס איך האב - [וואלטן די ש"י עולמות געווען קארג **פאר זיי!"]**

קומט אויס, אז ר' נתן איז געווען א לב נשבר; און מיר ווייסן אז ר' נתן'ס לשונות פון שמחה איז דאך פיל - די תפילות און די מכתבים איז דאך אלץ פול מיט שמחה, שמחה, שמחה - (קומט אויס) עפעס: דער 'לב נשבר' מיט 'שמחה' איז גאר איין זאך!

רבי נתן רעדט דאך ארום אין א הלכה[לא]: וואס עס איז דער חילוק פון יום כיפור ביז תשעה באב; די אייגענע ה' עינוים וואס עס איז דא אין תשעה באב איז דא יום כיפור - און יום כיפור מאכט מען א ברכה בשם ומלכות וואס מען האט דערלעבט דעם טאג "שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה" - און וואספארא טאג האב איך דערלעבט? א טאג

---

[כט] עי' ביאור הליקוטים סי' כ"א. גם עי' פרפראות לחכמה על סי' ו', אות י"ט.

[ל] גמ' בבא בתרא עה.

[לא] עי' ליקוטי הלכות גיטין ה"ג, כ"א-כ"ב; ובהלכות יבום ה"ג, ט'-י'.

וואס איך טאר נישט עסן, איך טאר נישט טרינקען - עס איז דאך דא ה' עינויים - און איך מאך א ברכה בשם ומלכות!

תשעה באב איז "אבל יחיד עשי לך"[לב] - מען טרויערט אזוי ווי אויף א בן יחיד; און יום כיפור ווידער - שטייט אין זוהר הקדוש: "דמיין למלאכים ממש"!

(אבל ההסבר הוא:) דער נישט עסן פון יום כיפור איז נישט דערפאר - ווייל (אבלות), נאר דערפאר ווייל מיר זענען אזוי הייליג אז עס איז גארנישט שייך צו עסן, עס איז גארנישט שייך קיין עסן אין דעם טאג! עס איז גארנישט שייך קיין שתיה, "דמיין למלאכים ממש"!

❖

# איר שטאפט אים צופיל...

דעם רבי'נס זאך איז זייער א גוטע זאך, עס ברענגט אריין א געוואלדיגע אהבה צום אויבערשטן און א שמחה! דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן קומען דערצו - נישט לויפן, נישט מאכן קיין 'פן יהרסו'.

'זעה'! 'קען זיך' - איך זעה יענער איז א גרויסער ערליכער איד - איך זעה אן איש כשר - איך קען דאך נישט שוין שפרינגען צו זיין זאך - 'ער איז דאך פארט אן איש כשר, אן אויסגעהארעוועטער איד - און איך בין דאך נאך נישט דער ערליכער איד' - איך דארף וועלן, אבער נישט מיט קיין 'פן יהרסו'.

עס איז געווען א בחור, ער האט געהייסן, הערשל. פריער איז ער געווען אביסעלע וועלטליך, אפשר צופיל וועלטליך, און ער איז געקומען קיין אומאן און די חברה האבן אים אריינגענומען אין די הענט אריין, און ער איז געווארן א צדיק.

דער הערשל איז געווארן אזא מין פרומער בחור, אזא מין ירא שמים! איך האב געזאגט: 'פאר הערשל'ען איז עס צופיל'. הערשל איז געווען א מאדערנער בחור און ער האט זיך א כאפ געגעבן - 'שטאפט אים נישט אזוי פיל, איר שטאפט אים צו פיל, איר שטאפט אים אזוי פיל, דאס איז 'יהרסו''. אנדערע האבן אויך געזאגט אז דאס איז פאר אים צו פיל.

---

[לב] ירמי' ו, כו.

רחמנא ליצלן, וואס עס איז געווארן פון דעם הערשל'ען. עס איז געווען אמאל א ראש השנה, ערב ראש השנה איז ער געטאנצן אויף די בענק (השתטה, ל"ע), מען האט אים גענומען עפעס קיין קיעוו אין שפיטאל אריין.

דעמאלט האב איך געזאגט: 'חברה וואס טוט איר? הערשל איז געווען א מאדערנער בחור, שטאפט אים נישט אזוי פיל'. עס איז געווען פאר אים צו פיל, העכער ווי זיין מח איז דאס געווען.

איך דארף זיך טאקע ציען צו די העכסטע מדריגה - אבער נישט מיט אמאל, מיט איין מאל נישט; איך דארף וועלן און שרייען צום אויבערשטן: 'איך דארף ווערן אן 'איש כשר מאד', ווערן אויסגעלייטערט פון אלע נארישקייטן' - אבער מען קען דאס נישט כאפן מיט איין מאל.

איך ווייס דאך ביי וואס איך האלט - ווי קען איך זיך געבן א רוק פון די ערשטע טרעפ ביז די צענטע טרעפ מיט איין מאל?! איך פאל אראפ און ווער צובראכן אינגאנצן... איך דארף טאקע וועלן ארויפקומען אויף די העכסטע טרעפ, דאס איז דער תכלית - אבער נישט מיט אמאל; אז איך וועל גיין און גיין, און זיך האלטן, ממילא וועל איך קומען[לג].

מען האט זיך געבעטן גאנץ גוט, מען מאכט אים פרום - אבער נישט אזוי פיל, איר שטאפט אים צו פיל - לאזט אים אפ. ער האט אנגעהויבן דאווענען, ער האט אנגעהויבן (נתקרב ווערן) - עס איז שוין גענוג, מער נישט.

וואס איז געווען ביים בארג סיני? אידן זענען געווען אזוי נאנט צום אויבערשטן – עס איז געווען 'פרחה נשמתן'. דער אויבערשטער האט געוואוסט אז אויב די אידן וועלן לויפן גלייך צום בארג - צום אויבערשטן, וועלן זיי פארברענט ווערן, (ע"כ הזהיר אותם "פן יהרסו") - גייט נישט ווייטער, גיי נישט! לויף נישט! טוה נישט! "לא תִגע בו יד"!

---

[לג] עי' שיש"ק ח"ב נ"ו: "בתחילת ההתקרבות אמר רבינו למוהרנ"ת: "זאלסט זיך ציען צו די העכסטע מדריגה - און נישט אראפפאלן פון די נידריגסטע!".

(ר' נחמן: טאקע א חידוש אז עס איז נישט געווען איינער וואס זאל זיך ארויפכאפן...) **אוודאי, אז עס איז געווען משה, אזא מנהיג** (- הוא שמר אותם בצמצום הראוי).

**["ונפל ממנו רב"[לד]] - טייטשט רש"י: אפילו 'איינער' זאל זיין, איז מיר אויך גלייך ווי אסאך!**

**"אשרי העם שככה לו" - זאגט דער זוהר הקדוש[לה]: שכ"ה איז בגמטריא מש"ה, אשרי העם איז משה, זיי האבן געהאט משה'ן, א מנהיג משה.**

**אוודאי וויל איך ווערן אן איש כשר, אבער ווען וועל איך קומען דערצו? אז "יראי ה' יכבד". אבער איך זאל וויסן אז איך קען נישט לויפן - איך דארף וועלן! אבער שוין וועלן לויפן – פאלט מען אינגאנצן אראפ.**

**אז ר' נתן האט געהערט פון דעם רבי'ן די תורה פון 'הניעור בלילה'[לו], האט ער געוואלט לויפן: 'רבי, איך וועל לויפן און וועל שרייען'. האט דער רבי אים צוגעהאלטן: "שטיי, דו וועסט נישט פועל'ן!"[לז]**

**ער האט געוואלט לויפן שוין גלייך און שרייען: 'גוואלד!' - ניין!**

❖

[לד] שמות יט, כא.

[לה] עי' זוהר פנחס רלד.

[לו] ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ב.

[לז] כוכבי אור, חלק אנשי מוהר"ן, י"ב: "...אַחַר כָּךְ עָנָה וְאָמַר לוֹ, זֶה פֵּרוּשׁ הַמִּשְׁנָה הַנֵּעוֹר בַּלַּיְלָה וְהַמְּהַלֵּךְ בַּדֶּרֶךְ יְחִידִי וּמְפַנֶּה לִבּוֹ (מִכָּל עִסְקֵי הָעוֹלָם הַזֶּה) לְבַטָּלָה (לִזְכּוּת לְהַבִּטּוּל הַנַּ"ל), הֲרֵי זֶה מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ שֶׁנִּתְהַוָּה וְנַעֲשָׂה מְחֻיָּב הַמְּצִיאוּת עִם כָּל הָעוֹלָמוֹת הַתְּלוּיִים בְּנַפְשׁוֹ וּמֵעֹצֶם מְתִיקוּת הַרְגָּשַׁת מוֹהֲרְנַ"ת זַ"ל בִּדְבָרָיו הַנְּעִימִים הָאֵלֶּה נִתְבַּטֵּל מִגַּשְׁמִיּוּתוֹ מֵחֲמַת זֶה בְּעַצְמוֹ ד), וַיִּזְעַק בְּקוֹלוֹ וַיֹּאמֶר: אֲהָהּ (גִּיוַואלְד) אָרוּצָה נָא בַּשְּׁוָקִים וּבָרְחוֹבוֹת וְאֶצְעַק אֲהָהּ, מַה הֵם חוֹשְׁבִים לְנַפְשָׁם? וּמִגֹּדֶל תַּבְעֵרַת לְבָבוֹ עַד שֶׁמַּמָּשׁ יָצָא מִגֶּדֶר אֱנוֹשִׁי רָצָה בֶּאֱמֶת לָרוּץ וְלִצְעֹק כַּנַּ"ל. וּמִיָּד חָטַף אוֹתוֹ אַדְמוֹ"ר זַ"ל בְּבִגְדוֹ וְעָנָה וְאָמַר לוֹ: עֲמֹד! כִּי לֹא תִּפְעַל כְּלָל (שְׁטֵיא! דִּי וֶועסְט נִישְׁט פּוֹעֱלִין)".

# "נאמן רוח מכסה דבר"

עס שטייט טאקע: "בכל ביתי נאמן הוא"[לח] - זאגט דער זוהר הקדוש[לט]: 'נאמן רוח מכסה דבר'[מ] - ער זעהט אלעס און זאגט נישט אויס; וואס מען הייסט אים, זאגט ער.

וואס הייסט "לאמר"? אז דער אויבערשטער האט אים געגעבן רשות צו זאגן, האט ער געזאגט. "וידבר ה' אל משה" - בלייבט עס ביי משה'ן; "לאמר" איז, אז דו זאלסט זאגן די אידן; אבער וואס השי"ת האט נישט געגעבן רשות, האט ער נישט געזאגט - כאטש ער האט דאך געוואוסט אוצרות - "נאמן רוח מכסה דבר".

דאס איז אויך דאס אייגענע: דער ענין פון התבודדות זיך אויסרעדן פאר'ן אויבערשטן, דאס היט אונז אפ, דאס דערווייטערט אים פון דעם חושך - און דאס היט אים אפ פון ריבוי אור אויך.

די כוונה פונעם בעל דבר איז איין כוונה: 'ריבוי אור' ווייסט ער אז ער וועט עס נישט אויסהאלטן; אדער וועט ער אים אינגאנצן צונעמען פון דער וועלט, אדער וועט ער ממילא אראפפאלן - עס איז איין כוונה. אזוי ווי ביי 'ריבוי חושך'ווארפט ער אים שוין אריין אין חושך - 'ריבוי אור' ווייסט ער אויך, אז סוף-כל-סוף וועט ער דאס נישט אויסהאלטן[מא].

---

[לח] במדבר יב, ז.

[לט] אדרא רבא קכ"ח

[מ] פסוק במשלי יא, יג.

[מא] עי' ליקוטי הלכות מנחה ה"ז, י': "היצר הרע והסטרא אחרא אורבים עליו מכל צד, כשמתעורר בו איזה הרהור תשובה לשוב לה' יתברך, הוא חותר עליו לבלבלו בכל מיני בילבולים ומניעות, לפעמים כפשוטו שמתגבר עליו אז דייקא בהתגברות גדול במחשבות רעות שהם עיקר היצר הרע כנ"ל. ולפעמים כשהאדם מתגבר נגדו במה דאפשר, הוא מתגבר על ידי התלהבות הלב יותר מדאי. ולפעמים בשעה אחת הוא מעורבב, ברגע אחת בוער לבו מאד וכו', ובתוך כך בוער לבו לתאוות עולם הזה מאד וכו', שזה בחינת יעלו שמים ירדו תהומות כמובא בדבריו זכרונו לברכה, וכעין מה שמבאר בסימן ע"ח... והבן מאד מאד כל זה איך הוא אורב עליך אולי תחמל עליך להשתדל להנצל ממנו".

ר' נתן האט געזאגט: "דער רבי האט געפירט ר' שמואל אייזיק'ן אויף א שארפן שווערד און ער איז בייגעקומען"[מב] - א אנדערן שוין נישט; ר' נתן'ס (הנהגה) איז געווען מיט א צמצום, מצמצם זיין.

ר' נתן האט געהאט אזעלכע מענטשן וואס זענען ארומגעגאנגען א גאנצע נאכט אין פעלד און געברומט צום אויבערשטן - א געוואלד וואספארא מענטשן ר' נתן האט געהאט; וואס דער רבי האט געוואלט האבן, האט ר' נתן דאס געהאט.

ר' נתן האט א זאג געגעבן: "א טיש ווי ביי מיר, איז ביים רבי'ן נישט געווען". האט אדל'ע (בת רבינו) אים איבערגעפרעגט. האט ער געזאגט: "בכח פון דעם רבי'ן!"; דאס וואס דער רבי האט געוואלט, איז עס ביי ר' נתן'ען געווען!

(חסר) [ר' נתן איז געווען דארטן אין טשעהרין, איז אנגעקומען צוויי אינגעלייט צו ר' יודל'ען, זיי האבן נישט געטראפן ר' יודל'ען, און ר' נתן האט נישט געוואלט רעדן מיט זיי. ר' נתן האט געזעהן אז זיי שעפן חיות פון ר' יודל'ען. ר' יודל איז דעמאלט געפארן פדיון שבוים עוסק זיין. זיי האבן נישט געטראפן ר' יודל'ען - ארעמעלייט, געקומען צו פארן צו ר' יודל'ן - זענען זיי געווען ביי זיך געפאלן. ר' נתן האט זיי מחזק געווען: א סוחר, אז עס מאכט זיך אמאל אז ער טרעפט נישט, גייט ער נאכאמאל. ר' נתן האט נישט געוואלט רעדן מיט זיי - אז זיי זענען געפארן צו ר' יודל, דארף מען זיי מחזק זיין זיי זאלן פארן נאכאמאל, זיי זאלן נישט אראפפאלן ביי זיך אז זיי האבן אים נישט געטראפן[מג]].

---

[מב] עי' שיח שרפי קודש (ישן) ח"ג, קעג: כשסיפרו לפני מוהרנ"ת ז"ל מגודל עבודותיו הנשגבות והיגיעות של רבי שמואל אייזיק תלמיד רביז"ל שעבד את ה' בכוחות עצומות לאין שיעור, עד שאמר פעם: "אילו ידעתי שלמחרת אקרא קריאת שמע כהיום, הרי שמוטב לי להניח ראשי על החרב, שיקטעו אותו". הפטיר מוהרנ"ת ז"ל ואמר: "אותו הדריך רבינו בחד החרב ועמד בו, ואותנו למד רבנו, שאם לא זכינו להתפלל היטב ביום כפור, מתפללים היטב ב"שם ה'". מחרת יום הכפור היה נקרא באוקראינא "שם ה'". "אים האט דער רבי געפירט אויפן שארף פון דעם שווערד און איז ביי גישטאנען; אונז האט דער רבי ז"ל גילערנט אז מ'דאוונט (נישט כראוי) יום כיפור, דאוועגט מען גאטס נאמען".

[מג] עי' כל זה בספר ימי מוהרנ"ת חלק שני, ל"ג, וזל"ש: "ובתוך כך באתי אנכי לשם כנ"ל בעת שהם היו מוכנים כבר לחזור וליסע לביתם, ונתעכבו שם קצת ודברתי עמהם קצת ונחמתי אותם הרבה, ואמרתי להם הלא אנו רואין כמה בני אדם נוסעים לאיזה אדון כדי לפעול אצלו איזה דבר בשביל עסקי פרנסה או לעשות עמו איזה משא ומתן, ואין מוצאים אותו בביתו, וצריכין לחזור וכל ההוצאה והטרחא היתה בחינם לגמרי, ואף על פי כן חוזרים ונוסעים עוד הפעם, ועל פי רוב מזדמן שנוסעים לאדונים פעמים הרבה ואין מוצאים אותם בביתם, או שמוצאים אותם בביתם אבל אי אפשר ליכנס להם כי הם טרודים בעסקים אחרים. על אחת כמה וכמה אלפי אלפים ורבי רבבות קל וחומר, כמה וכמה יש לבוא ולחזור ולבוא בשביל להתקרב לאנשים כשרים אמתיים שיכולים לקבל מהם חיות דקדשה שיהיו טובה לפניו לעולמי עד ולנצח נצחים ובפרט כשנוסעים בשביל דבר שבקדושה אפילו אם אין משיגין הדבר אף על פי כן היגיעה בעצמה אינה נאבדת לעולם, כי על כל פנים כוונתו היתה לטובה ובודאי ישלם ה' שכר כל פסיעה ושכר כל פרוטה ופרוטה שהוצאתם על הוצאות כי שום פסיעה ושום תנועה בשביל איזה דבר שבקדושה אינו נאבד לעולם, אפלו אם אין זוכין להשיג הדבר ההוא!".

# שיהא קולע אל השערה

מען זעהט אין די מכתבים, אז מיט א צמצום איז געוואלדיג - אין די ליקוטי הלכות, אין די תפילות - רבי נתן האט געוואוסט אז דער אור פון דעם רבי'ן איז אזוי גרויס אז דאס דארף א געוואלדיגער צמצום.

(ר' משה: מען קען קיינמאל נישט וויסן; אז איינער טוט צופיל זאגט מען גלייך: 'ריבוי אור' - מען האט דען נישט גע'טענה'ט אויף ר' אברהם'ס תלמידים ריבוי אור?) מיר רעדן דאך נישט פון יענעם - וואס יענער שרייט; מיר רעדן איצטער פון זיך אליין: דער ענין פון התבודדות, אויסרעדן זיך פאר השי"ת, דאס איז אן ענין פון ישוב הדעת, דאס וועט אים אוועקשטעלן אויף א וועג אז מען זאל ניצול ווערן פון ריבוי אור - און פון ריבוי חושך אוודאי.

דער בעל דבר זעהט אמאל א מענטש וואס ער קען בשום אופן נישט פועל'ן ער זאל אים אריינווארפן אין תאוות - ווארפט ער אים אריין אין ריבוי אור, דאס איז אויך ביי אים א כלי זיין. ער זאל וויסן (להזהר)!

זיין כוונה איז דאך: אז ער וועט עס נישט אויסהאלטן, וועט ער דאך ממילא פאלן - דאס איז זיין כוונה.

**דער רבי זאגט אין די תורה פון אמור אל הכהנים[מד]: "שיהא קולע אל השערה ולא יחטא - שלא יטה לימין או לשמאל". 'לשמאל' איז קליפת עשו - אז דער אויבערשטער הערט אים נישט צו.**

קליפת ישמעאל איז: "כי שמע ה' אל עניֵך"[מה] - דער אויבערשטער האט שוין צוגעהערט, גענוג! [מו] דער אויבערשטער האט שוין צוגעהערט דיין געבעט, וואס דארפסטו אים נאך בעטן? "ארי קבל ה' צלותיך" - דער אויבערשטער האט שוין

[מד] ליקוטי מוהר"ן ח"א, סי' ב'.

[מה] בראשית טז, יא, ובתרגום שם.

[מו] עי' באריכות ביאור הדברים ע"פ תורה זו, בליקוטי הלכות נחלות ה"ד.

אנגענומען דיין תפילה - דאס איז א קליפה לימין - מאכן אזוי הויך די תפילה אז איין ווארט איז אויך גוט.

און וואס איז די כוונה פון דעם? די כוונה (פון די צוויי קליפות) איז איין כוונה: עשו זאגט, אז דער אויבערשטער וויל גאר נישט הערן דיין תפילה - דאס איז לשמאל; ער מיינט, אז ער זאל אויפהערן בעטן; און ישמעאל זאגט, אז מען האט שוין צוגעהערט! - מיינט ער דאך אויך דאס. די כוונה איז איין כוונה - נאר ער הויבט אן מיט דעם, און ער הייבט אן מיט דעם.

ישמעאל זאגט אז איין ווארט איז אויך (גענוג), דו האסט שוין געבעטן גענוג.

דעם דיבור: אז 'אפילו א רצון ווערט נישט פארפאלן און א תפילה אוודאי נישט' - רעדט דער רבי אויך. אויך אין זוהר הקדוש איז דא כמה לשונות - אבער מרבה זיין בתפילה, דאס איז א באזונדערע זאך!

זאגט דער רבי אין תורה 'אמור אל הכהנים': "ואי לאו דהוה מְקרבא לספינתא הוה טבעינן". 'ספינתא' מיינט מען חסד. ווען נישט חסדו יתברך וואלט מען זיך דערטרונקען אין גלות, ווייל נאך אלעם דארף מען אנקומען צו זיין חסד.

❖

## דרך האמצע

אונזערע לייט, די גדולים, די זקנים זענען געווען גרויסע ערליכע אידן, זיי האבן געהיט די צייט - פלעגן זיי זיך אמאל מפקח דעת זיין, משמח זיין מיט א מילתא דבדיחותא, א חן האט עס געהאט, א פרייליכקייט, א שמחה.

פון די וועלט האבן מיר נישט וואס צו רעדן; די וועלט פרעגט ממילא קשיות אויף אונז - מיר רעדן דאך פון זיך אליין, מיר רעדן ביי אונז אליין; 'דעם רבי'נס זאך איז: א מענטש זאל גיין 'אינדערמיט', 'גלייך' - נישט לשמאל און נישט לימין.

נאר וואס דען, דער מענטש אליין ווערט אלעמאל נענטער צו ימין, ער ווערט אלעמאל נענטער; וואס עס איז געווען נעכטן ביי [אים ווייט], קען ער היינט צוקומען.

אז א מענטש היט אפ תורה ומצוות - די מצוות פון דעם טאג, ער היט אפ זיינע שיעורים, ער היט אפ דעם געדאנק, ממילא ווערט ער נענטער צו ימין; ממילא דער

ימין פון היינט איז א שענערער ווי נעכטן, וועט ער ממילא גיין העכער; אבער אז איך וויל א שטופ טאן - איז אזוי ווי ער גיט א שפרונג ארויף שטארק - גיט ער א שפרונג אראפ...

אז ער האלט זיך אין די קביעות פון תורה ותפילה און מצוות ומעשים טובים - מיט די צייט וועט ער מער טוהן.

און נאך א זאך: פארוואס דארף ער וויסן אז ער גייט העכער?![מז]

עס איז א געוואלדיגע זאך - דער וועג פונעם רבי'ן: א מענטש דארף טוהן און טוהן און טוהן - און זיין א מסתפק, זיין א שמח בחלקו - און 'ווילן' נאך, איך דארף טאקע וועלן נאך.

דער רבי זאגט אין די תורה "ואת הערבים"[מח], אז דער מצח הנחש איז יונק פון די זקני הדור וואס האבן נישט קיין שלימות, זיי זענען נישט מוסיף קדושה ודעת.

אבער וואס זאל מען טאן דערצו? וואס זאל מען טאן דערצו צו מוסיף זיין קדושה ודעת - מען קען דאך אויך נישט א שלעפ געבן - איך זעה אז דער איז אן איש כשר און ער איז אלע יארן (בעבודת השם) - אז איך געב זיך א שלעפ צו אים וועל איך דאך פאלן אינגאנצן... איך קען אים מקנא זיין - אבער איך קען זיך נישט שלעפן צו אים שוין.

נאר אז איך וועל אפהיטן מיינע שיעורים, און רעדן מיט חברים און שטארקן זיך אין שמחה, איז ברוב הזמן וועט ער ממילא ווערן נענטער צום אויבערשטן!

❖

## אזוי נישט קשה ווי אויף דעם רבי'ן...

ר' נתן האט געזאגט: "אזוי נישט קשה - ווי אויפן רבי'ן איז נישט קשה, איז נאך נישט געווען! - און אזא התנגדות איז אויך נאך נישט געווען!"

[מז] עי' בשיחות הר"ן רמ"ד, וז"ל: "שמעתי מאחד מחשובי אנשים איש כשר וירא שמים ועובד את השם באמת, שאמר לו רביז"ל: שיש בני אדם עובדי ה' שאין השם יתברך מראה להם מה שפעלו כל ימי חייהם. רק אחר מותם בעולם הבא, אז יראו מה שפעלו. והבנתי שרביז"ל אמר לו דבר זה לענין התחזקות לבל יפול בדעתו מה שכבר עסק בעבודת השם, ועדיין אינו רואה בעצמו שום פעולה. כי יש שאינו יכול לראות כל ימי חייו מה שפעל כי אם לאחר כך כנ"ל".

[מח] ליקוטי מוהר"ן תניינא, סי' ד'.

דער רבי האט געזאגט עפעס א זאך אנטקעגן דעם שלחן ערוך? אדרבה, ער האט דאך מזהיר געווען אויף 'זמן תפילה', 'זמן קריאת שמע' - און 'חצות' שטייט באלד אין אנהויב (שלחן ערוך) אין הלכות השכמת הבוקר - אלץ איז דאך וואס שטייט אין שולחן ערוך.

ווייטער דער ענין פון התבודדות (ג"כ כבר אמרו חז"ל:) 'חסידים הראשונים היו שוהים שעה אחת'[מט] - איז דאך אמאל אויך געווען די זאך פון התבודדות - וואס האט דער רבי דא גערעדט א זאך א נייע? גארנישט! קיין שום זאך.

'אזוי נישט קשה ווי אויפן רבי'ן איז נישט קשה, איז נאך נישט געוועזן' - ווייל אין קיין שום זאך איז נישטא קיין נייעס.

- 'און אזוי א התנגדות איז אויך נאך נישט געווען'. ווייל די זאך איז אזוי: אז עס איז נישט קשה, דערפאר איז דא קעגן דעם התנגדות; א זאך וואס עס איז קשה, ארט אים נישט (לבע"ד), עס איז דאך דא קשיות.

❖

## דו גלייכסט זיך צו מיר?!

(חסר) ר' נתן איז געווען אמאל אין טעפליק. א טייל זאגן עס איז געווען כ' סיון; און א טייל זאגן עס איז געווען עפעס (א תענית) פון בה"ב.

כ' סיון איז אין אוקריינע א תענית, ווייל עס איז דאך געווען דארטן אין אוקריינע, אין נעמיראוו - די אלע (גזירות ת"ח ות"ט) - דאס איז דאך אלץ געווען דארטן. איז דארטן איז א תענית כ' סיון, מען זאגט סליחות. דאכט זיך מיר, עס איז געווען כ' סיון.

ר' נתן האט אביסל טועם געווען, און איינער האט געזעהן - האט ער געוואלט נאכטאן. האט ר' נתן געזאגט: "גלייכסט זיך צו מיר? מיין עסן איז **צחצחות"!**

(ר' נחמן: וואס איז צחצחות?) **עס איז א גוטע זאך...** (אחד הנוכחים: "והשביע בצחצחות נפשך"!)

---

[מט] משניות ברכות פ"ה, מ"א.

(ר' נחמן: די מעשה מיט די אותיות[נ] -) **דער רבי האט (נישט געהייסן) [געהייסן: נישט] דערציילן די מעשה; און ווער עס וועט דערציילן, וועל איך אים ליב האבן אזוי ווי חייקל איז פרייליך[נא]...**

**דו האסט איר געזעהן אמאל? אז דו האסט נישט געזעהן, האסטו נישט געזעהן; אז דו וועסט זעהן, וועסטו זעהן - איך דערצייל איר נישט. אז דער רבי האט נישט געהייסן, רעדט מען נישט דערפון!** (ר' נחמן: עס איז נישטא וועמען צו דערציילן, אלע ווייסן שוין...) **מען ווייסט דאך נישט וואס דעם רבי'נס כוונה איז געווען** (אז מען זאל נישט דערציילן).

❖

(אחד הנוכחים: ר' נתן שרייבט אין סוף פון די בריוו: "**און פארט האפ!**" - ער האט געשריבן אזעלכע גרויסע ווערטער פון אויבן ביז אונטן!) **הע הע, יא יא, עטליכע מאל איז דא.**

❖ ❖ ❖

## "פתח פיך"

(רלוי"צ פונה לאחד, שנאלץ מפאת סיבות משפחתיות להיות הדורש לפני הציבור בבית מדרשם, ובתנאי שלא יזכיר מענין רביז"ל) **נו, דו דארפסט פארשפרייטן דעם רבי'נס דיבורים דארטן, דו זאלסט זיך צוגרייטן דיבורים.** (ר' משה: דער רבי זאגט: "קשה לקרב את הזקנים"![נב]) **נישט קיין נפקא מינה, זקנים.**

---

[נ] עי' ליקוטי הלכות תפילה ה"ד, אות ו': "וכבר מבואר אצלינו מעשה נוראה מענין הצדיק שזכה לזה שראה בשעת אכילתו שכל הלחם שהיה לפניו היה כולו אותיות וכו'". ובהלכות סעודה ה"ד, י"ח: "ובזה תבין איזה התנוצצות בהמעשה הנוראה הכתובה אצלנו בענין הצדיק שזכה על ידי אכילת לחם לקבלת התורה, עיי"ש והבן".

[נא] בכת"י ר' אלטר טעפליקער: "תראו אחר זמן מה שיהיה מזה המעשה, והזהיר שלא לספרה לזר, ואם תספרו אעפ"כ אהיה אוהב אתכם, אך האהבה יהיה כמו שחייקל בשמחה (כי שמחתו באמת אינו שמחה כלל), גם אמר שכל השומעים הם ערבים זה לזה שלא לספרה לזר".

[נב] עי' חיי מוהר"ן תקמ"ג: "גם דרכו היה שלא היה משתדל לקרב זקנים רק בני הנעורים כמובא בהאלף בית (ספר המדות) שהנערים בקל להשיב אותם להשי"ת מן הזקנים. וכן סיפר לי זקן אחד על עצמו שפעם אחת כשהיה אצלו על חג השבועות בזאסלאב אז אמר לרביז"ל, רבינו קרבו אותי אליכם. השיב לו רביז"ל: איני יכול לקרב זקנים. אחר כך שחק רבינו קצת ואמר לו, תאמרו שכך הוא האמת שאיני יכול, בודאי אני יכול לקרב גם זקנים. אבל אף על פי כן לא נתקרב זה הזקן היטב לרבינו כמו בני הנעורים. וכן מבואר בהתורה תעיתי כשה אובד [בלקוטי א' בסימן ר"ו] החילוק שבין עול ימים לזקן עיי"ש. וכן שמענו וראינו כמה פעמים שקשה לקרב הזקנים".

למעלה וועט מען דיר אויסלאכן פון דעם תירוץ: 'דו קענסט נישט, דו האסט נישט קיין מויל' - וואס קענסטו נישט? וואספארא ווערטער איז דאס?! ביי אונז איז נישטא דער גדר, ביי אונז איז געווען ממש עמי הארצים וואס זיי האבן נישט געקענט דאווענען - און זיי האבן גערעדט דיבורים, עס איז געווען א מחיה צו הערן!

(הנ"ל: אז מען רעדט סתם אזוי - אבער נישט פארלערנען פאר אן עולם!) ניין, זיי האבן גערעדט פאר אנדערע מענטשן, אוודאי! גערעדט דיבורים - טייערע דיבורים!

מען נעמט א שטיקל זוהר, א שטיקל ליקוטי מוהר"ן, א שטיקל מדרש, און מען רעדט שלש סעודות - דו דארפסט רעדן לאנג?! צעהן-פופצן מינוט איז גענוג.

(ר' משה: מען וויל זיצן מיט אונזערע לייט שלש סעודות!) זאל ער דארטן מפיץ זיין דעם רבי'נס דיבורים! זיי מפיץ דעם רבי'נס דיבורים דארט! זעה דו זאלסט נישט מאכן קיין געשעפטן!

אט דאס איז דיין זאך: מפיץ זיין דעם רבי'נס דיבורים - שוין, דו קענסט זיך נישט שפארן דערמיט; דו רעדסט זיך איין אז דו קענסט נישט, דו מאכסט זיך פאר אן 'עניו'.

עס שטייט: "פתח פיך ויאירו דבריך"[נג] - 'עפן אויף דאס מויל, עס וועט שוין לייכטן!' אבי מען עפנט דאס מויל.

"פתח פיך" - עפן נאר אויף דאס מויל וועסטו זעהן עס וועט שוין לייכטן!

(הנ"ל: עס איז אלטע אידן דארטן!) עס איז נישט קיין נפקא מינה - אז מען רעדט, גייט דער אור אויף קריק - אזוי זאגט דער רבי[נד].

---

[נג] לשון גמ' ברכות כב.

[נד] עי' שיחות הר"ן, צ"ט: "כשאחד מדבר עם חבירו ביראת שמים נעשה אור ישר ואור חוזר. ולפעמים מקדים האור חוזר קודם האור ישר, כשהמקבל יש לו מח קטן ואין יכול לקבל דברי חבירו. כי אז קודם שמקבל חבירו ממנו שזהו בחינת אור ישר, קודם לזה מקבל הוא מחבירו ואז האור חוזר קודם לאור ישר. כי כשמדברין עם חבירו ביראת שמים אף שאין חבירו מקבל ממנו, אף על פי כן הוא מקבל התעוררות מחבירו כי על ידי ההכאה שיצאו הדיבורים מפיו לחבירו, על ידי זה חוזר האור אליו (וזהו בחינת אור חוזר ממש המובא בכתבים, עיי"ש). כמו מי שמכה בכותל שחוזר הדבר אליו כמו כן כשמדבר לחבירו אף על פי שאין חבירו מקבל ממנו, אף על פי כן הוא בעצמו יכול להתעורר מהם על ידי ההכאה שיצאו הדיבורים לגבי חבירו והכה בו וחזרו אליו. ועל כן אם היה מדבר אלו הדיבורים בינו לבין עצמו יכול להיות שלא היה מתעורר מהם כלל. ועל ידי שדיברם לחבירו נתעורר מהם אף שחבירו לא נתעורר כי חזרו אליו על ידי בחינת ההכאה כנזכר לעיל (וזה בחינת אור חוזר שהוא על ידי בחינת הכאה כמבואר בכתבים והבן)".

טאמער יענער איז נישט מקבל, גייט דער אור אויף קריק (והאדם בעצמו מקבל אור מדיבוריו).

❖ ❖ ❖

## דערפילט א טעם גן עדן

(חסר) (ר' נחמן: איר האט פריער דערמאנט דעם מדרש!) אין מדרש שטייט אזוי: אז משיח וועט קומען, וועלן זיין אזעלכע תלמידי חכמים וואס זיי וועלן זאגן צו משיח'ן: 'תורתך דארפן מיר נישט, מיר דארפן נאר דיינע קבלות וואס איז מקובל - וואס מיר ווייסן נישט'. דאס מיינט הלכה'דיגע זאכן.

(ר' משה: איך האב געזעהן פון גאון, אין די הקדמה פון דעם שולחן ערוך ברענגט ער, דער זון זיינער, אז ער האט געוואלט מאכן א שולחן ערוך לפסק הלכה אן קיין מחלוקת'ן און מען האט אים געוויזן פון הימל אז ער זאל עס נישט מאכן; ער שרייבט אויך אז ביי די דרייצן יאר האט ער אנגעהויבן עסן אָן קייען!) (ר' נחמן: ר' נתן שרייבט: "שמענו מגדול אחד" וואס האט אזוי געטאן![נה])

עסן און אראפשלינגען - נישט צוקייען, עס איז א געוואלדיגער עינוי, עס ווערט געשוואלן די לונגען, דער מאגן. די צדיקים בשעת זיי האבן אנגעהויבן צו הארעווען האבן זיי דאס באדארפט; אבער נאך דעם ווען זיי זענען שוין געקומען אויפן וועג האבן זיי שוין געקענט (גם ללעוס).

אויף דעם רבי'ן ר' אלימלך שטייט, אז אויף דער עלטער האט ער נישט געפילט קיין טעם אין עסן, גארנישט.

ער האט געהאט א חסיד, ר' דוד. עס איז געווען א חתונה ביים רבי'ן ר' אלימלך, האט דער ר' אלימלך אויסגערופן: 'ווער עס האט נישט פארראכטן חטאות נעורים זאל נישט ארוים טאנצן'. איז ר' דוד ארוים טאנצן, (באמרו:) "אבער ווער עס האט נישט

[נה] עי' "שבחי מוהר"ן, אות א': "בהיותו בימי קטנותו בא על דעתו לפרוש מהעולם ורצה לשבור תאות אכילה, אך עדיין היה בשכל קטן ונדמה לו שזה אי אפשר שיניח מאכילתו כפי מה שהיה רגיל לאכול בבוקר ובצהרים וכו'. על כן יישב עצמו שיהיה בולע כל מה שיאכל דהיינו שלא יהיה לועס מה שיאכל רק יבלע כמות שהוא כדי שלא ירגיש שום טעם באכילתו. ועשה כן ועלה נפיחות בצווארו שקורין (גישוואלין). ואמר שהיה אז רק בן ששה שנים. והנהגה זו שמעתי לדבר גדול מצדיק גדול מאד מאד שנהג כך שהיה בולע אכילתו בלי לעיסה, אך הוא זכרונו לברכה נהג כך בהיותו בן ששה שנים".

קאליע געמאכט חטאות נעורים מעג דאך טאנצן - איך האב נישט קאליע געמאכט, מעג איך ארוים טאנצן".

זעהען מיר ווער דער ר' דוד איז געוועזן - און ער איז א גרויסער ארימאן געוועזן. דער רבי ר' אלימלך איז אמאל געוועזן ביי אים, און זיי האבן נישט געהאט נאר אביסל מעל מיט אביסל וואסער - זיי האבן אויך נישט געהאט קיין ציבעלע צו צובראקן - און מען דארף דאך פאר דעם רבי'ן ר' אלימלך געבן עפעס צו עסן - האט זי געמאכט אביסל פראסטע טיי-וואסער.

אז דער רבי ר' אלימלך האט געגעסן, (אמר:) "עס איז דאך זייער גוט, האסט נאך אביסל?".

שוין, דער רבי ר' אלימלך קומט אהיים, דערציילט ער צו די רעביצין. איז זי אוועקגעפארן צו ר' דוד'ס רעביצין איר פרעגן: "וואס האסטו געטאן אז דער רבי האט אזוי הנאה געהאט?".

האט זי געזאגט - דער רעביצין - ר' דוד'ס: "איך האב געהאט אביסל מעל, איך האב געבעטן: 'רבוש"ע, דער צדיק איז דא ביי מיר, איך האב דאך נישט מער - נאר מעל מיט וואסער האבן מיר - מער נישט, גיב אריין דעם טעם פון גן עדן אין דעם אז דער רבי זאל פילן א טעם' - האט מען אריינגעגעבן דעם טעם פון גן עדן אין דאס עסן, האט דער רבי געפילט א טעם גן עדן".

❖ ❖ ❖

## א גאנצע וואך אין וואלד

(ר' משה: ר' נתן האט געזאגט, אז ווען די תלמידים זיינע וואלטן מאריך ימים געווען, וואלטן זיי ארויסגענומען דעם חולק די ציין מיט די אויגן?) יא, זיי זענען געווען געוואלדיגע מענטשן.

(ר' משה: ווער - ר' עוזר? ר' שואל?) ניין - נאך פריער (- ראשונים מאלו). אזעלכע מענטשן האט ר' נתן געהאט, זיי זענען ארומגעגאנגען גאנצע נעכט און זיי האבן געברומט אזוי ווי די חיות - זיי האבן געברומט צום אויבערשטן מיט אזא מין השתוקקות, מיט אזא מין בענקאכטס, א וועג ווי די חברייא פון ר' שמעון'ען - געגאנגען אין די פעלדער און וועלדער, טאג און נאכט - דאס איז געווען א געוואלדיגע עבודה!

(ר' משה: ווען האבן זיי געלערנט?) ר' אברהם ר' נחמן'ס האבן מיר נישט געזעהן לערנען, ער האט געהאט געשוואלענע אויגן, ער האט נישט געקענט קוקן אין קיין ספר[נו], אויב ער האט נאר געקוקט אין א ספר - איז שוין געווען מיט אויגן. מיר האבן אים נישט געזעהן לערנען.

איז צוגעגאנגען אמאל צו אים איינער, משה שמואל, אן ערליכער איד געווען - ער איז צוגעגאנגען צו ר' אברהם'ען: "ר' אברהם, מיר זעהען אייך נישט לערנען!". (ענה:) "איך קען נישט קוקן אין קיין ספר; איך לערן, איך לערן!".

ער איז געווען אמאל ביי ר' אלטער'ן אין שטוב, ר' אלטר טעפליקער איז געווען זיינער א שוואגער[נז]. ר' אברהם ר' נחמן'ס איז געזעצן אויפן בעטל דארטן אין דער זייט, ער האט זיך געשאקלט, ער האט געלערנט.

ר' אלטר האט באמערקט אז ער לערנט אויסעווייניג, האט ער גענומען א משניות טהרות, ער האט אריינגעקוקט, האט ער געזעהן אז ער פארפעלט נישט קיין ווארט - אין סדר טהרות - האט ער געזען ר' אברהם האט געלערנט.

ער האט אין דער יוגנט אסאך געלערנט, ער האט א הייליגן זכרון געהאט - האט ער געדענקט, ער האט געדענקט משניות, ער האט געדענקט גמרא - האט ער געלערנט; אז ער האט נישט געקענט עפענען די אויגן, האט ער געלערנט אויסעווייניג.

ער האט געקענט נאכזאגן א סעיף קטן פון ש"ך אויסעווייניג אויפן לשון. אז א מענטש איז א הייליגער מענטש, ווערט נישט מגושם דער זכרון; דער זכרון איז אים אזוי ריין, אזוי לויטער!

אז ער איז געווען צענדליגער יארן א גאנצע וואך אין וואלד, האט ער געלערנט דעמאלט אויך, מען קען נישט האבן נאר דביקות - מען דארף לימוד אויך; דעמאלט האט ער געשריבן דעם 'ביאור הלקוטים'. ער האט מיטגענומען מיט זיך 'טינט און פען' און ער האט געשריבן דעם ביאור הלקוטים.

---

[נו] עי' טעם זקנים קו' ס"ג: "ער האט זייער אסאך געוויינט אין די יוגנט. ער האט געזאגט אז ער מוז פארהאמערן די אויגן, ס'זאל נישט קענען לאזן קיין טרערן, ער האט מורא ער זאל נישט ווערן בלינד אינגאנצן! פונדעסטוועגן טאקע אויף די עלטער האט ער נישט געקענט קוקן אין קיין ספר" (מחמת זה).

[נז] ר' אלטר נשא בזיוו"ש את מרת מלכה בת ר' נחמן טולטשינער.

א גאנצע וואך זיין אין וואלד - נישט קיין וואך, נישט קיין חודש, נישט קיין יאר - נאר יארן! ער האט געלערנט; און וואס ער האט געלערנט איז געווען מיט גרוים קדושה ויראה - איז עס געווארן איינגעבאקן אין די ביינער, האט ער גוט געדענקט.

(ר' נחמן: וואס איז מיט דעם ענין פון חברותא, וואספארא חברותא האט ער געהאט?) איך קען דיר נישט ענטפערן אויף דער זאך; ער איז פארט געווען אין וואלד יארן, מסתם האט ער געהאט חברים; וועגן אזעלכע מענטשן קענען מיר נישט רעדן - א מענטש וואס איז אזוי דבוק אינעם אויבערשטן.

❖

## דו קערסט קיין ארץ ישראל!

נאך קליינערהייט, ווען ער איז געווען א קינד פון עטליכע יאר, געגאנגען אין חדר אריין - א קינד קומט אהיים אין שטוב, זאגט ער: 'מאמע גיב מיר עפעס צו עסן', אזוי איז דער שטייגער פון א קינד – און ער איז צוגעגאנגען צו די שאנק פון די ספרים, אריינגעשטעלט דעם קאפ אין שאנק אריין און דארטן געקוקט. ער האט קיינמאל נישט געבעטן: טאטע, גיב מיר עפעס צו עסן; מאמע גיב מיר.

ר' נחמן האט דאס דערזעהן - א קינד זאל קיינמאל נישט בעטן קיין עסן, האט ער געזאגט: **"דו קערסט קיין ארץ ישראל! חוץ לארץ קען דיך נישט סובל זיין!"**

נאך קליינערהייט: "דו קערסט קיין ארץ ישראל!".

אויף דער עלטער ווען ער איז געווען שלאַף, ער האט געהאט גרויסע ווייטאגן, האט ער דעמאלט געשריגן: **"ווען איך וואלט ווען געפאלגט דעם טאטן** (בימי נעורי)**, וואלט אויף מיר אזוינס נישט איבערגעגאנגען!"**.

ער איז געווען אן אנדער סארט מענטש - איך האב געהערט פון די זקנים פון אונזערע לייט וואס האבן געזאגט: **"ווען ר' אברהם ר' נחמן'ס וואלט געווען זיין אין רבי'נס צייטן, וואלט ער ווען געווען פון די תלמידים מובהקים מיט זיין עבודה!"**

ער איז געווען א אנדערער סארט מענטש: דער מח איז אים געווען זייער שארף, און די קדושה איז געווען זייער גרוים;ביידע געווען, צוזאמען.

❖

# אנ"ש מבארדיטשוב

(ר' משה: ווער איז געווען דער ר' ישראל[נח] פון בארדיטשוב?) איך האב געקענט שוין דעם זון.

(ר' משה: דער זון פון ר' ישראל'ן?) יא, ער פלעגט פארן אויף ראש השנה, איך האב אים געקענט אין מיינע צייטן. זיין טאטע האט געהייסן, ר' ישראל, ער איז געווען א גרויסער ערליכער איד, ער איז געווען אן אדוואקאט, צוריק מיט הונדערט יאר, אן אדוואקאט מיט בארד און פיאות.

[יונה'ס (לעבל) זיידע איז געווען אן אפטייקער, פייוול אפעטייקער, מיטן גרויסן כאלאט, מיט דעם שטריימל, מיט די פיאות - און ער איז געווען דער אפטייקער אין ירושלים].

און ער איז געווען אן אדוואקאט. אמאל אן אדוואקאט - אן ערליכער איד, האבן די אלע גוים געהאט פאר אים דרך ארץ, אז ער איז אריינגעקומען אין בית המשפט האט מען זיך אויפגעשטעלט פאר אים.

זיין פאטער איז געווען א גרויסער ערליכער איד, א גרויסער ירא שמים, ר' אברהם פלעגט איינשטיין ביי אים. איך האב געהערט פון דעם זון: אז ר' אברהם ר' נחמן'ס האט זיך צוגעשפארט בייטאג, שבת - איז דער טאטע געזעצן געכאפט דעם דוך (הבל פיו), ער האט געשעפט דעם דוך, (ואמר:) 'דאס איז א הייליגער דוך'. ער האט געוואלט אריינגעמען איז זיך דעם דוך.

(ר' משה: אים אליין האט איר נישט געקענט) ניין, אפשר האט אים יוחנן[נט] (גאלאנט) געקענט; יוחנן איז דאך א בארדיטשובער.

[נח] עי' בספר תולדות שמואל - מר' שמואל העשיל פריעדמאן ז"ל, וז"ל: "כְּשֶׁרָאִיתִי פַּעַם רִאשׁוֹנָה הָעֲבוֹדָה שֶׁל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ הַנֶּחֱמָדִים, אֵיךְ "ר' יִשְׂרָאֵל יָאלִים" אוֹמֵר 'חֲצוֹת' בִּמְסִירוּת נֶפֶשׁ, וּשְׁאָר הַדְּבָרִים אֵיךְ הוּא מְרַקֵּד [כִּי לֹא יָדַעְתִּי כְּלָל שֶׁיֵּשׁ בְּרִקּוּדִין גַּם כֵּן עֲבוֹדָה], נִתְקַשַּׁרְתִּי אֵלָיו בְּאַהֲבָה גְדוֹלָה, וְלֹא יָדַעְתִּי אָז מַה לַחְשֹׁב - אִם הוּא אָדָם אוֹ מַלְאָךְ, כִּי לֹא רָאִיתִי מֵעוֹלָם אִישׁ כָּזֶה".

[נט] ר' יוחנן גלנט ב"ר ברוך מבארדיטשוב. תלמידו ומשמשו נאמן של ראבר"ן. היה מרטיב בדמעותיו את הציון עד שהבאים אחריו היו מבחינים על הציון אם כבר ביקר בו (שיש"ק ח"ה שמ"ז). ר' שמואל הורביץ מספר עליו: מי יוכל לשער עבודתו, כל יום הולך על ציון רביה"ק... ווורד בעינים נפוחות מבכיה בעומק הלב ונדמה לי שעבודה ובכיה על ציון

(ר' משה: און ר' שמערל באַרדיטשובער?[ס]) **האָב איך אויך נישט געקענט - יוחנן האָט אים געקענט, יוחנן געדענקט נאָך ר' גדליה'ן - גדליה בערגער[סא] - נאָך איידער ער איז געקומען קיין ארץ ישראל** (ר' נחמן: ע"א איז ער געקומען דאָ).

**די אַלע וואָס זענען געקומען דאָ קיין ארץ ישראל געדענקט ער נאָך: יענקל'ע שניידער[סב] - יענקל באַרדיטשובער; און מאיר אנשין[סג] געדענקט ער נאָך פון באַרדיטשוב נאָך איידער ער איז געקומען קיין ארץ ישראל; און שמשון, די אַלע באַרדיטשובער.**

(ר' משה: וועלכער שמשון?) **איינער איז געווען ר' שמשון!** (ר' נחמן: ר' שמשון איסרוב![סד])

**ער** (ר' יוחנן) **געדענקט טאַקע אַסאַך ר' אברהם ר' נחמן'ס, ער האָט אים אַסאַך משמש געווען.**

(ר' משה: ווער פלעגט אים משמש זיין?) **יוחנן. אַז עס קומט דער יאָרצייט פון ר' אברהם ר' נחמן'ס, שטופּ איך יוחנן זאָל דאַווענען פאַר'ן עמוד, ווייל ער איז ממש געווען זיין -**

❖

רבה"ק כמוהו לא ראיתי עוד כזה משום אדם... ובכל רבע שעה הוא מכה באצבע צרדה להזכיר עצמו איפה הוא בעולם ופניו מאדימות וכן גם תפילה בכוונה ושיעורים קבועים (ימי שמואל אות ר"ב). דר במוסקבה ועלה משם לא"י בשנת תשכ"ג. לא היו לו ילדים וגידל את ר' ברוך יעקב הי"ו ב"ר נפתלי דובינסקי בשנים שהיה במאסר ובסיביר ועל שמו נקרא "גלנט". נלב"ע כ"ו שבט תשל"ט. (ע"פ גידולי הנחל)

[ס] העתיק יחד עם ר' אלטר טעפליקער את הספר ביאור הליקוטים. נתקרב ע"י ר' אברהם ב"ר נחמן באחד מביקוריו בבארדיטשוב. נלב"ע באומן בשנת תרע"ז. (ע"פ גידולי הנחל)

[סא] מתלמידי ראבר"ן. עלה ונתיישב בארה"ק. נלב"ע כ"ו אדר ב' תשכ"ה. (ע"פ גידולי הנחל)

[סב] ה"ה ר' **יעקב פילמער** מבארדיטשוב. חמיו של ר' שמואל מאיר אנשין. עלה לארה"ק תרס"ה. נולד תרל"ב. מתלמידי ראבר"ן, קרוב של ר' גדליה ברגר. ראבר"ן היה גר בביתו בירושלים. נלב"ע ג' אדר תרצ"ט בן **67**. (ע"פ גידולי הנחל)

[סג] ה"ה ר' **שמואל מאיר אנשין**. ראש שושלת משפחת אנשין מאנ"ש. נתקרב בברדיטשוב ע"י ר' ברוך גאלאנט שלמד עימו לילה שלם בליקוטי הלכות. בקיץ תרס"ד עלה לא"י. היה קשור מאוד לראבר"ן. חתן ר' יעקב צבי פילמער הנ"ל. נלב"ע כ"ב סיון תשכ"א. (ע"פ גידולי הנחל)

[סד] ר' **שמשון איסרוב**. המכונה שמשון בארדיטשובער. מאנ"ש בבארדיטשוב, התקרב בברדיטשוב בשנת תרנ"ו. בקיץ תרס"ו עלה לא"י עם אשתו וילדיו. בצעירותו היה עני מרוד ואח"כ עזרו השי"ת ונעשה בעל בית חשוב והיה אומר בצער: עתה שוב אינני יכול עוד לומר תהילים בלב נשבר כפי שהייתי אומר בעניותי (שיש"ק ח"ד, תק"ע). הוא קירב את ר' שמואל העשיל פרידמאן (תולדות שמואל קפ"ג). נלב"ע כ"ב שבט תרע"ד. (ע"פ גידולי הנחל)

# ר' ברוך מבארדיטשוב

(ר' משה: ווען איז ר' ברוך בארדיטשובער אוועק?) פ', פ"א; ווען ר' אלחנן (ספעקטאר ז"ל) איז אוועקגעפארן, תר"פ, האט ער אים שוין געטראפן ליגן שלאף, ער איז טאקע נפטר געווארן אין דעם יאר, תר"פ, דאכט זיך מיר, אינמיטן ווינטער.

(השואל: ער איז געווען אלט?) ניין, עטליכע אין זעכציג יאר; נאר ער האט געארבעט! נאר געארבעט! איך האב נאך אזא דאווענען נישט געזעהן, אזעלכע קולות, אה!

ער (יוחנן) דערציילט מיר: זיין טאטע - זיין פרנסה איז געווען, ער פלעגט ארומגיין ערב שבת אכטונג געבן אז די עירובין זענען נישט קאליע. 'ברוך פון די עירובין' - האט מען אים גערופן אין בארדיטשוב.

און וואס איז געווען? ערב יום כיפור האט ער געשטעלט א שיסעלע אין אלע שולן און דאס איז געווען זיין פרנסה - פארשטייט מען שוין וואספארא פרנסה דאס איז געווען - אן ארימאן.

ער פלעגט ארומלויפן (ערב שבת) אין אלע זייטן פון די שטאט, אלע עקן, זעהן צו די עירובין איז גוט. נו, איז ער אריינגעקומען פארמאטערט - אריינגעקומען און שול אריין, געדאוונט מנחה, און ווען דער עולם האט אפגעדאוונט (קבלת שבת ומעריב) האט ער זיך געשטעלט דאווענען א מעריב! א מעריב!

(ר' נחמן: דאכט זיך מיר, אז ער דערציילט גאר, יוחנן, אז ווען דער טאטע איז געקומען אהיים זענען שוין אלע געשלאפן!) יא יא.

זי פלעגט נישט קענען צוגיין צו ברוך'ן אים זאגן (שאין מה לאכול בבית) - יוחנן איז געווען דער מתווך (- פארמיטלער): 'טאטע, עס איז נישטא וואס צו עסן'. (ענה לו:) "גלויב מיר יוחנן, איך וויים אלצדינג, וואס זאל איך טוהן? איך קען נישט ארויסגיין אין דרויסן, איך קען נישט ארויסגיין אין דרויסן".

זי - ווייטער, יוחנן'ס מוטער, איז געגאנגען, מיטגענומען זיך א גרויסן זאק ברויט, געגעבן פאר אנדערע - און מען האט געארבעט (בעבודת השם!) מען האט געארבעט!

(ר' משה: יוחנן דערציילט: אז ער פלעגט דינען דעם אויבערשטן פון צוועלף ביז צוועלף; שפעטער פלעגט זי אריינקומען, די מאמע, מיט א שיסל קארטאפל. האט ער געזאגט: "אה, איך בין אזוי רייך, מער ווי יענער און יענער גביר פון בארדיטשוב" - האט זי אים דערלאנגט... האט ער געזאגט: וואס ווילסטו? ער קען נישט שלאפן ביינאכט; און זי, די גביר'נטע האט מורא פון דעם פארמעג - איך לעב א חיים טובים!)

❖ ❖ ❖

(ר' משה: איך האב געהערט פון ר' לוי יצחק'ן שבת חנוכה אין מירון, אז דער ניגון וואס מען זינגט [פרייטאג צו נאכטס אויף "שמחו בה'"] - דער ניגון איז פון מגיד פון מעזריטש!

נאך דעם האב איך געהערט אז דער ניגון וואס מען זינגט אויף "יחדשהו" שלש סעודות - דער ניגון איז נישט פון אונזערע לייט, עס איז א וועלט'ס ניגון!

אויך האב איך געהערט פון ר' הערש לייב ליפל, שבת חנוכה אין מירון, אז זיי זענען געווען אמאל עטליכע מענטשן אין די מערה פון בית הלל אין מירון, און עס איז געקומען א ריזיגער שלאנג, א צפעון. ער איז געשטאנען ביי דעם פתח המערה, עס איז געווען א פחד נורא, ממש סכנת נפשות, מען האט מורא געהאט צו רירן זיך. זיי האבן שטארק געוויינט דארטן, עפעס א פערטל שעה בערך, זיי האבן געוויינט בזכות פון הלל, בזכות פונעם הייליגן רבי'ן, און דער שלאנג האט אפגעצויגן!)

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **יצחק אלטר פיש** הי"ו
בארא פארק יצ"ו
לרגל אירוסי בתו
למזל טוב

מוה"ר **חיים נתן ישראל בריינעס** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל תגלחת בנו **נחמן** ני"ו
למזל טוב

מוה"ר **אפרים פישל מינצבערג** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

מוה"ר **חיים אלעזר מאיער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

מוה"ר **ישראל אהרן כ"ץ** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל שמחת אירוסי בנו
החתן היקר **יהושע** ני"ו,
למזל טוב

מוה"ר **יוסף שלמה פרענקל** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

לעילוי נשמת מו"ה
**יעקב** ב"ר **שמואל הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר תשפ"א
תנצב"ה

לעילוי נשמת מרת
**רוחמה שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט תשע"ט,
תנצב"ה